~~298~~
32

לאנדאָן-ווייטשעפּל 15־טער דעצעמבער, 1942.

# יידנטום אין אבלות.

„עשה למען
תינוקות
של בית רבן״.

— — — — — — — — — — — — —„
אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל
און אין שטוב איז הייס,
זיצט אַ רבי מיט קליינע קינדערלעך
און לערנט אלף־בית.

זעט־זשע קינדערלעך, געדענקט־זשע, טייערע,
וואָס איר לערנט דאָ,
זאָגט־זשע נאָכאַמאָל און טאַקע נאָכאַמאָל
קמץ אלף אָ.

אַז איר וועט קינדערלעך עלטער ווערן
און איר וועט פאַרשטיין
וויפל אין די אותיות ס׳ליגן טרערן
און וויפיל געוויין —
— — — — — — — — — — — — —״

## אונזער גורלדיק שליחות

מיר זיינען נישט אַנטרינען געוואָרן פון דעם, וואָס גייט איצט אָן אין אונזערע היימען, כדי צו זיין די גליקלעך־געראַטעוועטע — אַז אָך און וויי וואָלט געווען צו אַזאַ גליק אונזערן! אַן אינערלעך גליאיקער עקל וואָלט אונזערע געהירן פיבערדיק צעפרעסן, ווען נאָר איין פונק מענטש־לעכקייט ס׳וואָלט געטליעט נאָך אין אונז. עס איז אַ נס נאָר, אַז אַלע אונ־זערע פאַנטאַזיעס און וויזיעס זיינען צו מענטשלעך און נישט ביכולת פאַרצושטעלן, אָדער אויסצומאָלן די שרעק בלויז פון דעם, וואָס ס׳טוט זיך דאָרטן אָפּ — מיר וואָלטן דאָך פון זינען געמוזט אַראָפּ!

נישט אין אַ מסירת־נפש׳דיקע קאַמף־רגע, מאַטראָזן־העלדן אויף העראָאישן באַפעל — קליינע קינדער, פּיצעלעך־עופ׳עלעך פון דער מאַמע׳ס ברוסט אַוועק, אַלטע און שוואַכע זקנים, קראַנקע פון זייערע בעטן אַרויס ווערן טאָג־אויס טאָג־איין, אויף אכזריות׳דיקן באַפעל פון משוגענע רוצחים, געקוילעט און ווי שעפּסן אויסגעשאָכטן — זיך פאַרצושטעלן די שרעק בלויז וואָס גייט אַרום אין אונזערע שטעט און שטעטלעך קאָן מען דאָך אַראָפּ פון זינען!

זיינען אונזערע שטעט אינדערהיים אונטערגייענדיקע שיפן אינם ים פון אונזער זיך גיסנדיק בלוט, מוזן מיר זיין נישט ווי צופעליק געראַטעוועטע, נאָר ווי איבעריק געבליבענע, פונם גורל אויסגעקליבענע, צו ראַטעווענדיקע ברעגעס צוגעשליידערטע, זייער שליחות ווייטער צו טראָגן: מיר, דאָס המלומד־בנסים־פאָלק פון אַלע צייטן, אַ גרויסע אַהנונג, אַ געוואַלטיק פילן מוז איצט אויפגיין אין צאַפּל פון אונזערע יסורים׳דיקע הערצער: אין דעם בלוטיקן געשען דאָרט, אין דעם „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו״ פון אונזער עפּאָכע ווערט געבוירן די רעטונג פאַר דער גאָרער וועלט, פאַר אַלע מענטשן.

* * *

עס איז די „הענקער־מאַלצייט״, די בלוטיקע סעודה, וואָס ווערט געפּראַוועט דאָרט אין אונזערע היימען פון אונזער פלייש און בלוט — איידער מ׳פירט דעם רוצח צו דער תליה! אַלץ וואָס זיין וויסט און ווילד האַרץ פאַרלאַנגט באַקומט ער איצט! איז דאָך די אויסטערלישקייט און נישט באַגרייפליכקייט פון זיין אכזריות׳דיקייט גופא דער באַווייז דערפאַר. וואָלט ער דען געקאָנט זיין אַזוי רציחיש־ווילד, אַזוי חיה׳איש וואַנזיניק, ווען ער וואָלט נישט געאַהנט זיין באַלדיקן אונטערגאַנג?

דאָס אויסטערלישע מערדערישע, וואָס ס׳געשעט אַצינד אין אונזערע היימען, איז אַ לעצטער כחות־צאַפּל פון אַ ברוטאַלן גוסס, מיטצורייסן מיט זיך אין טויט אַריין יעטווידן שוואַכן, וועלכער איז אים נאָר צו דער האַנט, אין וועלכן ער קאָן זיך אין זיין מיתה־קראַמף מיט זיינע נעגל אַריינגראַטשן — דער ווילדער שרעק פון זיין אייגענעם פאַרגיין איז זיין אויסטערלישער שגעון! אָ, אַז מיר מוזן זיין די שוואַכע טויב אין די טויט־אויסצוקנדיקע חיה׳שע גראַטשעס.



מיר זיינען נישט אַנטרינען פון דעם, וואָס גייט איצט אָן אין אונזערע היימען, וואָרעם וועט חלילה נישט געשען אַצינד דער דערוואַרטנדיקער נס, גייען מיר דאָך אַלע אונטער, ווו מיר זאָלן נישט זיין; מיר זיינען דאָך נאָר געראַטעוועט ווייטער צו טראָגן אונזער גורל׳דיק שליחות, חבלי־לידה׳דיק אויסגעטראָגן איצט אין אונזערע אין בלוט־אָפּגייענדיקע היימען. אַז מיר זאָלן ווייטער קאָנען לעבן און פסיכיש קאָנען דערטראָגן דאָס לעבן, מוז אונזער יעטווידע רגע זיין העראָאישער באַפעל צו מסירת־נפש׳דיקע באַשלוסן און געוואַלטיקע אחריות פאַר אונזערע אומגליקליכע שוועסטער און ברידער אינדערהיים און צו זייערע אייביקע ירושה־אוצרות.

* * *

ווי יענע וואָליטשקענע „מזרח׳ס״ וווּנדערלעך אויסגעהאַפטענע מיט קבר פון דער מאַמע רחל און מיט דער געבליבענער כותל־מערבי־וואַנט, וועלכע האָבן געהאָנגען אין די יידישע שטובן אינדערהיים, זיי צו היימישן און צו הייליקן, אַזוי העפט זיך אויס אַצינד, — מיט יעדן שנירעלע האַרץ־בלוט פון אַ געקוילטן, מיט יעדן פעדעמל געהירן פון אַ געשאָסענעם! — אַ וווּנדערליכער גאָבלען דער גאַנצער מזרח־אייראָפּע. זיינען נישט אונזערע שטעט און שטעטלעך די העפט־ראַמען איבער וועלכע מיר זיינען שתי־וערבדיק געשפּאַנט מיט די אויסטערלישסטע מאַטערנישן און ווייאיקסטע יסורים?

אַ נבזרדן־שטיין ס׳איז יעדער מיילן־שטיין אַצינד אינדערהיים, און מיטן „קול־ברמה־נשמע״ פון דאָרטן, הילכן דאָך אונזערע קעפּ דאָ ווי צעבראָכענע שאַרבן־טעפּ. יעטווידע אויפגייענדיקע זון איבער אַ געטאָ־וואַנט ס׳איז אַזאַ טאָפּ געטראָגן אין צווי צאָרן־צעציטערטע נביאישע הענט, — פון זינען אַראָפּ פון דעם וואָס ס׳טוט זיך דאָרט אָפּ! — זי אַראָפּצושליידערן איבער די קעפּ פון די מענטשן מיט אַן אומדערבאַרעמדיקער קללה. —

אַ יחזקאל׳שע אַפּאָקאַליפּסישע וויזיע — איין מוראדיק, אין אונזער בלוט אויסקרייזנדיק בילד, צוזאַמענגעשטעלט פון די אַלע אָפּגעהאַקטע קעפּ, פון די אַלע אָפּגעריסענע הענט און פיס פון די אומזיסט פאַרלוירענע לעבענס, אַ גייסטיק־באַפליגלטס צו טראָגן זיך אין אַלע אייביקייטן אַריין. די שרעק פון די אַלע הערצער אינדערהיים, פון די געקוילעטע עופ׳עלעך און שוואַכע זקנים עס זאָל אַרויסשטראַלן, אין זיין אַבסטראַקט־געשליפענע געפאַרעמטקייט, מיטן „אל מלא רחמים״־גנאָד איבער דער גאַנצער וועלט און איבער אַלע מענטשן.

# קדושים

(יידן מיט אויפגעהויבענע הענט, וואָס מ׳פירט שיסן)

## א.

אַזוי הויבט מען נישט אויף צעשטרעקטע הענט
די גאַנצע וועלט שוין צו פאַרשעלטן —
כהנים דוכענען זעען זיי אויס,
אַרויפשוועבנדיק צו העכערע וועלטן:

ס׳איז דאָך אַ קרבן פאַרלאַנגט געוואָרן,
די מענטשן האַלטנ׳ס אין איין ברענגען,
און אַז מיר אַליין זיינען עס אַצינד,
געשאָסן צו ווערן און צו הענגען,

זיינען מיר דאָך דאַצו אויסגעקליבן,
דערפאַר ווייל אָן פעלער מיר זיינען;
יאָ, מיט געזאַנגען גייט אַ בראַנדאָפּער אויף,
נישט מיט קללות און געוויינען,

אַז זיבן מאָל זיבן קין׳שע דורות
ס׳זאָל דער מענטש נישט מער פאַרשאָלטן ווערן
און אַזוי אין אַלע אייביקייטן
דאָס מענטשן שעכטן נישט אויפצוהערן —

— — — — — — — —

## ב.

מוז דאָך דער שלום קומען שוין באַלד,
אויסשטרעקן וועט מען הענט צו הענט — —
אים אַראָפּצוברענגען
זיינען אייערע הענט צום הימל געווענט!

מוזן דאָך איי׳ערע זיך אויסשטרעקן,
אַנדערע זיינען מיט בלוט באַפלעקט — —
ס׳האַלט גאָט אַליין זיין האַנט
צו אייערע הייליקע אויסגעשטרעקט!



מוז דאָך דער שלום קומען שוין באַלד,
אויסשטרעקן וועט מען הענט צו הענט — —
ס׳וועט בלייבן פיעדעסטאַל
די גאַנצע ערד פאַר אייער מאָנומענט!

אַ ציטער גייט איבער גאָרער וועלט,
יעדעס האָרץ געוואַלטיק אויפגעשרעקט!
ס׳האָט גאָט אַליין זיין האַנט
צו איי׳ערע הייליגע אויסגעשטרעקט —
— — — — — — — —

* * *

„אין שלום אמר ה׳ לרשעים״.

ביז אין די שפּיצן פון מיינע פינגער
דאָס משוגעת אין מיין געהירן צעברענט;
נישט פון טרערן זיינען בלינד מיינע בליקן —
פון אַזאַ וויסטן וואַנזין ווילד פאַרבלענדט!

יענע הייליקע, יענע בענטשנדיקע,
געשטרעקט אַזוי אין אייביקן אַנענד,
טאַפּן זיך ציטעריק איבער מיין האָרץ,
בלינדע אַזעלכע טאַפּנדיקע ביי ווענד.

אָ, איך הער זייער ווידוי־געשעפּטשע,
און מיין אויער יעטווידע שטימע דערקענט:
אַ שוואָגער, אַ פעטער, אַ ברודערנזון —
„שמע ישראל — —״ מיין האַרץ בלייבט שטיל אַ מאָמענט — — —

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

ניין, נישט מיט בענטשונג און נישט מיט שלום —
מיט אַ ביטערע קללה גליאיק צעברענט!
זי אויסצוגיסן איבער דער גאָרער וועלט,
זיינען ציטערדיק צעשטרעקט יענע הענט.

ניין, נישט צו גאט, נישט נאך רחמים און גנאד —
צו יעדן איינעם פון אונז זיינען זיי געווענדט:
שמע ישראל! געקוילעט ווערן מיר,
און אונזערע ווייבער און טעכטער געשענדט;

נישט קיין שלום פריער, נישט קיין רחמנות
ביז דער מערדער איז פארטיליקט און פארלענדט;
פארשאלטן זאל ווערן יענער מענטש — — —
— — — — — — — — — —
א, ביז צו זייער טיפסטן פונדאמענט.

ווי שמשון הגבור, די זיילן פון דער וועלט
וואלט איך זיי איינברעכן אצינד געקענט!
ביז די שפיצן פון מיינע פינגער
פול מיט נקמה ציטערן מיינע הענט.

## די שבת-נאכמיטאגס

שבת, דעם 14־טן נאוועמבער, האט י. פרענקל געהאלטן א רעפעראט איבער היינריך היינע, דעם דיכטער און ייד. זיין רעפעראט איז געווען פול מיט א סך וויסן און געשיכטליכן מאטעריאל. מיט דעם אריינפלעכטן די ביאגראפישע אנעקדאטן פון היינע׳ס אינטערעסאנטן און וואגאנטן לעבן האט פרענקל מיט זיין רעטארישן רעפעראט פאר דעם ליטעראריש אינטערעסירטן עולם נאך בולטער ארויסגעבראכט דאס בילד פון דעם גרויסן דיכטער היינריך היינע.

די שוישפילערין דארא דימענט האט מיט פיינעם קינסטלערישן עפעקט דעקלאמירט היינע׳ס א סאטיריש ליד. דער פארזיצער האט נאך פארגעלייענט היינע׳ס בארימטע פאעמע „די שקלאפן שיף“ איבערזעצט פון מ. ל. האלפערין. היינריך היינע, א חוץ וואס ער איז ייד און איינער פון די גרעסטע וועלט דיכטער, איז די יידישע פאעזיע אים א סך שולדיק, וויל אונזערע ערשטע און אנהייבער פון אונזער דיכטונג זיינען אפט געשטאנען אונטער זיין איינפלוס.

שבת, דעם 21־טן נאוועמבער, געווידמעט דעם שאפן פונם בארימטן דיכטער און שרייבער זלמן שניאור, אין וועלכן חוץ דעם פארזיצער האבן זיך נאך באטייליקט די באקאנטע שרייבער אסתר קרייטמאן, א. מ. קייזער און א. מ. פוקס מיט א קורצער באגריסונג, איז דער עיקר געווען און דאס אינטערעסאנטע א. מ. קייזער׳ס איין און א האלב שעה׳דיקע פאר-



לייענען זלמן שניאור׳ס באקאנטע הומארעסקע „דער שקלאווער גר“. די לאנגע דערציילונג איז אנגעשריבן מיט גרויסן עפישן פארנעם און מיט די ראפינירטקייט פון א פיינעם קינסטלער. א. מ. קייזער האט מיט זיין אופן לייענען ארויסבאקומען אט די עפישע ברייטקייט וואס איז פול מיט א זאפטיקן געזונטן לאכן און יעדן וויצן שטריך ארויסגעארבעט אויף זיין אייגענעם הומאריסטישן שטייגער. איין און א האלבע שעה פאר א גרויסן עולם צוהערנדיק געשפאנט איין דערציילונג, דאס וויל עפעס מיינען!

אויב מיר קאנען שוין מאכן אזעלכע עקספערימענטן זיינען די ליטעראריש שבת נאכמיטאגס אונזערע אויף א קולטורעלן ניווא. אזעלכע זאכן געלונגען נאר אפט אין א קליינעם קרייז פון קינסטלער און שרייבער־פאכמענער. פאר׳ן ברייטן עולם איז מען תמיד געוווינט רק צו געבן פיצעלעך און שטיקלעך, פון דעם עפעס און פון דאס עפעס און פון אלעם גארנישט מיט גארנישט. אונזער אויפגאבע איז יעדן שבת געווען צו פארמען א רונדיקע גאנצקייט פון פילע קינסטלערישע זאכן ארום איין טעמע, אדער פון פארשידענע ווערק פון איין און דעם זעלבען קינסטלער. אזוי ארום ארויסבאקומען א גייסטיקע גאנצקייט. דער הייינטיקער שבת האט שוין באוויזן אז דער עולם צוהערער איז גייסטיק פעאיק מיט גרויס גענוס און פארגעניגן זיך צוצוהערן צו איין גאנץ געשלאסן ווערק פון איין קינסטלער.

שבת, דעם 28־טן נאוועמבער, האט דער זשורנאליסט און הספר־פארלעגער שלמה גאלדענבערג געהאלטן א רעפעראט איבער י. א. ליסקי׳ס בוך „פאר דו קליינער קאזאק“, וואס איז לעצטנס דערשינען אין זיין פארלאג. ער האט אויך גערעדט איבער דעם פארלאג־ענין אין לאנדאן. דער פארזיצער האט נאך גערעדט איבער ליסקי׳ס אופן שרייבן און איבער אלוואס צייכנונגען צו דעם דערשינענעם בוך, און איבער דעם מאלער אלווא בכלל. ער האט אויך פארגעלייענט ליסקי׳ס געלונגענע לאנדאנער דערציילונג „פראדוקטיוויזאציע“.

שבת, דעם 5־טן דעצעמבער, איז געווען א נאכמיטאג לכבוד חנוכה. מ׳האט פארגעלייענט פון די ווערק פון אונזערע קלאסיקער אויף חנוכה טעמעס. נאך א קורצן אריינפיר פון א. אייזיקאוויטש „מאי חנוכה“, האט דער פארזיצער פארגעלייענט „נס־חנוכה“ פון י. ל. פרץ און א. מ. קייזער האט קינסטלעריש פיין פארגעלעזן שלום עליכם׳ס „דריידל“. ראכמאן האט געלייענט „הנרות הללו“ פון פרץ. און אייזיק גאלדבערג האט גוט דעקלאמירט די חנוכה־געדיכטע פון מאריס ווינטשעווסקי און י. ל. פרץ. נאך דעם ווי דער פארזיצער האט פארגעלייענט אברהם רייזנ׳ס חנוכה־ליד און די דערציילונג פונם צינענעם לעפל, האט נאך קייזער פארגעלייענט זיינס א געלונגענע חנוכה הומארעסקע פון לאנדאן. עס איז געווען

אַן אמת'ע חנוכה שטימונג, די זאַכן פון אונזערע קלאַסיקער האָבן מיט זיך אַרויסגעבערענגט די אַטמאָספערע פון אונזערע שטעט און שטעטלעך ווו זייערע ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן. ניין, מ'קאָן אַזעלכע ישובים און איינגעזעסענע יידישע קיבוצים נישט אויסראַטן, מיט זייערע אַלע האַרץ־פעדעמלעך זיינען זיי פאַרוועבט און פאַרקניפּט מיט די ערד־וואָרצלען ווו זיי זיינען געשאַפן געוואָרן.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין יידישן שעלטער, 63 מענסעל סטריט, א.1. 3 אַזייגער)

שבת, דעם 12־טן דעצעמבער (דער היינטיקער פאָרטראָג ווערט אָפּגעלייגט אויף קומענדיקע וואָך) דער היינטיקער נאָכמיטאָג וועט זיין גאַנץ געווידמעט די אבלות, וואָס נעמט אַרום דאָס גאַנצע יידנטום, איבער די מורא'דיקע געשעענישן אין מזרח אייראָפּא.

שבת, דעם 19־טן דעצעמבער, וועט זיין די דריטע לעקציע איבער די מזרח־יידישע איינוואַנדערונג אין ענגלאַנד און זיינע שאַפונגען.

שבת, דעם 26־טן דעצעמבער, וועט זיין רעפעראַטן איבער די יידישע קולטור־טעטיקייט אין לאָנדאָן. י. ביטש, דער פאָרזיצער פון „בן אורי", וועט האַלטן אַ פאָרטראָג איבער די קונסט געזעלשאַפט „בן אורי". שלמה אויערבאַך, דער סעקרעטאַר פון „תרבות", וועט האַלטן אַ רעפעראַט איבער די אַרבעט פון „תרבות"־אינסטיטוט. ס'וועט זיך נאָך באַטייליקן אַ פאָרשטייער פון קולטור־קלוב און ד"ר טענענהויז איבער דער אַרבעט פון „יעקב־ערלעך" סאָס דער פאָרזיצער וועט רעדן איבער די טעטיקייט פון די יידישע שבת־נאָכמיטאָגס.

שבת, דעם 2־טן יאַנואַר, אין געבוירן־טאָג פון מענדעלע מוכר ספרים (שלום יעקב אַבראַמאָוויטש) וועט זיין, ווי אין יעדן ערשטן שבת פון נייעם יאָר, אַ מענדעלע פייערונג. קינסטלער וועלן פאָרלייענען פון מענדעלעס ווערק און ס'וועלן געהאַלטן ווערן רעדעס איבער דעם ערשטן קלאַסיקער און באַגרינדער פון אונזער נייער ליטעראַטור.

שבת, דעם 9־טן יאַנואַר, וועט שלמה אויערבאַך האַלטן אַן אויספירלעכן פאָרטראָג איבער דעם און די פערזענלעכקייט פון דעם גרויסן רוסישן שריפטשטעלער מאַקסים גאָרקי. מ'וועט אויך פאָר־לעזן פון גאָרקי'ס ווערק.

א. נ. שטענצל.

4 פענס

Printed by I. Narodiczky, (T.U.), 129/131 Cavell St., London, E.1.